# התעוררות להתבודדות

**(מכתבי הצה"ק ר' יצחק ברייטר זצ"ל הי"ד)**

אליך (פלוני בן פלוני), מקרבי היקר, אני קורא!

הנני מבקשך, עמד נא לכמה רגעים, והאזן היטב לדברי אשר אנכי מדבר לטובתך הנצחית.

דע לך, כי הרבה עמל ויגיעה היה לי עד שקרבתיך, וקצת תוכל להבין ולהרגיש בעצמך כמה נסים שנעשו למענך כדי שתתקרב. - ובכן, אחד מהתנאים שלפיהן אני מקרב את תלמידי הוא, שלא יניחו להטעות את עצמם, ולא מבעיא שלא יטעו הם עצמם את עצמם. וכאשר תשאלני מה? הנה זה כבר שמעת והבנת שהדרך והעצה העקרית שעל־ידה יכולים לקבל כל התקונים שלי, ושיוכל האדם לתקן כל מה שהוא צריך לתקן בזה העולם ולהגיע למה שצריך להגיע, הוא רק על־ידי **התבודדות**, כלומר, שיכין לו מקום מיחד אשר שם ישיח את לבבו לפני השם יתברך, ולבקש מלפניו כל מה שצריך - הן ברוחניות, הן בגשמיות - ולהתודות ולפרט לפניו כל חטאיו אשר חטא, בשוגג ובמזיד, באנס וברצון, ולהודות לו יתברך על כל הטובות אשר היטיב עמו ברוחניות ובגשמיות.

זאת פעלתי אצל השם יתברך, כי האדם אשר יקים זאת בפשיטות גמור בכל יום, לעמד שעה אחת לפני השם יתברך, אף גם אם לא יהיה לו התעוררות הלב אז, ואפילו אם לא יוכל לפתח פיו לדבר שום דבור לפני השם יתברך, אולם על־כל־פנים יטה את עצמו להשתוקק ולדבר - יזכה על־ידי זה בעצמו לכל טוב, ולא יהיה עליו שום דין למעלה, כי על־ידי עבודה זאת יתקן הכל: נפשו רוחו ונשמתו, וכל העולמות, וכל הדורות התלויות בו, מאדם הראשון עד משיח צדקנו. כל זה אמת ויציב ונכון וקים, ואני ערב על זה!

גם זאת אני מודיעך, שנגד התקון הקל הזה, אשר על־ידו אפשר לזכות בשעה אחת לכל טוב, יניח את עצמו הבעל־דבר לארכו ולרחבו, לסתרו ולקלקלו בכל מיני אפנים - אם בקשיות שלא להאמין, אם שלא יהיה לו פנאי, אם להתעסק בעבודות אחרות, ובלבד שלא לעסק בתקון זה.

ובכן, אחי הנלבב, רחם עליך, פקח עיניך וראה והבן לאיזה מצב הבעל־דבר מבקש להביאך, עד שתשאר, חס ושלום, אמלל ועירם וחסר מכל, ולבל תוכל לקבל תקוני הגדולים, הנוגעים עד אין סוף, והכל על־ידי שעה אחת ביום.

ידעתי, כי הנך מוכן להקריב הרבה עבור השם יתברך, אך בעבודה העקרית אשר כה קל לקימה אתה מניח להטעות עצמך.

ובכן אחי, השלך הלאה כל ההבלים, כל העסקים וכל המחשבות, ורוץ תכף ומיד להציל עצמך. ואז תודה להשם יתברך אשר יעצך לטובה, אמן.

ברשות רבך

נחל נובע מקור חכמה.

---

**התעוררות להתבודדות** (ביידיש)

דיך (פלוני בן פלוני (זאג בפירוש אריס מיט׳ן מויל דיין נאמען, וועט עס דיר א טובה זיין), מיין טייערער מקורב און תלמיד, רוף איך אין בעט דיך: שטעל זיך אפ עטליכע מינוט, און הער זיך גוט איין צו מיינע רייד, וועלכע איך רעד לטובתך הנצחיית.

**זאלסט** וויסען אז פיעל עבודה האב איך געהאט איידער איך האב דיך מקרב געווען. אביסעל קאנסטו פארשטיין און פיהלען וויפיעל נסים עס איז געטהען געווארן פאר דיינעט וועגן זאלסט מקורב ווערן. - אלזא, איינס פון די תנאים אויף וועלכע איך בין מקרב מיינע תלמידים איז, זיי זאלען זיך נישט לאזען נארען, ווער שמועסט זיי זאלען זיך זעלבסט ניט נארען, פרעג איך דיר וואס?... די האסט שוין פיל מאל געהערט און פארשטאנען, אז מיין עקר עצה אונד דרך, דורך וועלכן מען קאן מקבל זיין אלע מיינע תקונים, און דער מענטש זאל פערעכטן אלעס וואס ער ברויך צו פערעכטן, און צו קומען צו וואס ער ברויך צו קומען, איז נאר **התבודדות**, דאס הייסט, מען זאל זיך אין אבעזונדער ארט אויסשמועסן פארן רבונו של עולם, און בעטן אלעס וואס מען ברויך בגשמיות וברוחניות, און מתודה זיין אלעס וואס מען איז עובר, בשוגג ובמזיד, באנס וברצון, און דאנקען השם יתברך אויף אלע טובות הרוחניות והגשמיות.

**דאס** האב איך געפועלט ביי השם יתברך, אז דער מענטש וואס וועט מקיים זיין בפשיטות גמור, אלע טאג א שעה שטיין פאר השם יתברך, אפילו ער וועט קיין התעוררות נישט האבן בעת התבודדות, אפילו ער וועט גאר ניט קענען רעדן, נאר ער וועט זיך נייטן צו בענקען און צו רעדן, וועט ער זוכה זיין צו כל טוב, און וועט נישט האבן קיין שום דין למעלה, פארוואס ווייל מיט דער עבודה וועט פארעכט ווערן אלעס, זיין נפש רוח ונשמה, אין אלע עולמות וואס הענגען אין איהם, פון אדם הראשון ביז משיח צדקנו. דאס איז אמת ויציב נכון וקים. און איך בין ערב דער פאר!

**דאס** בין איך דיר אויך מודיע, אז אויף דעם גרינגן תקון מ׳יט וועלכען מען קען מיט איין שעה זוכה זיין צו כל טוב, וועט זיך דער בעל־דבר פערלייגן פארשטעלן איהם בכל האופנים: מיט קשיות, ניט צו גלייבן, ניט קיין צייט צו האבן, טוען אנדערע עבודות, אבי דיך אוועק צו נעמען דערפון.

נו! ברודער הארציגער, האב רחמנות אויף דיר! עפן אויף דיינע אויגן, פערשטעה ווי אומגליקליך דער בעל־דבר וויל דיך מאכן, זאלסט חלילה בלייבן ארעם און נאקעט, און נישט קאנען מקבל זיין מיינע גרויסע תקונים, וועלכע וועגען נוגע עד אין סוף, דורך איין איינציגע שעה אין טאג.

**איך** ווייס, אז דו ביזט גרייט מקריב צו זיין פאר השם יתברך פיל, און אין דעם עקר וואס איז אזוי גרינג מקיים צו זיין לאזטו דיך אפנארן!

**וווארף** אוועק אלע געלטער, אלע געשעפטן, אלע מחשבות, אלעס, און לויף שוין ראטעווען דיך, וועסטו זעלבסט דערנאך דאנקען השם יתברך אשר יעצך לטובה, אמן.

ברשות רבך

נחל נובע מקור חכמה